# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:33
מוצאי שב"ק...................9:02

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......................... יחזקאל ל-לא
בבלי...................... בבא בתרא נג
ירושלמי.................... ביצה יט
תוספתא................ כלים קמא ז
רמב"ם......... מעשה הקרבנות ט

פרשת ואתחנן, שבת נחמו, י"ג אב, אבות פרק ד', שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 44 (662)


## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### וְעָשִׂיתָ הַיָּשָׁר וְהַטּוֹב בְּעֵינֵי ה' לְמַעַן יִיטַב לָךְ

דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס אַ מֶענְטְש אִיז וַוייט פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיז וַוייל עֶר אִיז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דַן לְכַף חוֹב, אוּן עֶר הַאלְט זִיךְ אִין אֵיין אַרָאפְּקְלַאפְּן: אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד! פוּן מִיר וֶועט שׁוֹין גָארְנִישְׁט זַיין! אִיךְ בִּין דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְש אוֹיף דֶער וֶועלְט; אָבֶער אֲפִילוּ עֶר הָאט שׁוֹין בֶּאֱמֶת גֶעטוּן דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן אִין דִי וֶועלְט, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן, אוּן זַיין בַּיי זִיךְ אַזוֹי אַרָאפְּגֶעפַאלְן, וַוייל עֶס אִיז דָא אַ לַאו אִין דִי תּוֹרָה (וַיִּקְרָא יט, יז): **לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ** - מֶען טָאר נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן אִיד אִין הַארְץ. אוּן דֶער זֶעלְבֶּער לַאו גֵייט אוֹיךְ אָן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אַז מֶען טָאר זִיךְ אַלֵיין נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן! עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ זִיךְ אַרָאפְּצוּקְלַאפְּן אוּן זִיךְ דֶערְנִידֶערְן, פוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַ מֶענְטְש דַארְף שְׁטֶענְדִיג זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן זָאגְן צוּ זִיךְ אַלֵיין: בִּיסְט טַאקֶע אַרָאפְּגֶעפַאלְן טַייעֶרֶער ..., אָבֶער עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט עֶק וֶועלְט, הֵייבּ זִיךְ צוּרִיק אוֹיף!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען ר' מֹשֶׁה [עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט אִין אוּמַאן נַיין אוּן אַ הַאלְבּ יָאר], הָאט עֶר מִיר דֶערְצֵיילְט וִוי אַזוֹי עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּ בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים: עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶוענֶען מִנְחָה פַאר דִי שְׁקִיעָה, דֶערְפַאר זַייעֶנְדִיג אִין וַוארְשָׁא וואוּ עֶס הָאבְּן נָאר גֶעוואוֹינְט חֲסִידִים, וָואס זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל נִישְׁט מַקְפִּיד אוֹיף דִי שְׁקִיעָה, הָאט עֶר גֶעזוּכְט אַ מִנְיָן וואוּ מֶען דַאוֶוענְט מִנְחָה פַאר דִי שְׁקִיעָה, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט: דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ערְס זֶענֶען יָא מַקְפִּיד אוֹיף דִי שְׁקִיעָה, אוּן עֶר זָאל דָארְט אַהִינְגֵיין.

אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בְּרֶסְלֶבְ'ן שְׁטִיבְּל אַבִּיסְל פַארְ'ן דַאוֶוענֶען, הֶערְט עֶר וִוי אֵיינֶער זָאגְט פַאר זַיין חַבֵר - וָואס הָאט זִיךְ בַּאקְלָאגְט אַז עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן - מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "מֹשֶׁה! בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן? דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז מֶען פַאלְט אוּן מֶען פַאלְט, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף! אוּן אַז דוּ בִּיסְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הֵייבּ זִיךְ אוֹיף!". עֶר זִיצְט זִיךְ אַזוֹי אִין דִי זַייט פַארְוואוּנְדֶערְט, דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל וָואס עֶר הֶערְט אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים! נָאכְדֶעם בַּיים דַאוֶוענֶען מִנְחָה הָאט עֶר גֶעזֶען וִוי אַזוֹי מֶען דַאוֶוענְט מִיט אַזַא וַוארֶעמְקֵייט, כָאטְשִׁיג דָאס זֶענֶען גֶעוֶוען פְּשׁוּטֶ'ע אִידְן, אַ פֶעינְטֶער, אַ הֶענְדִימַאן, אַ שׁוּסְטֶער וְכוּ', הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט בַּיי זִיךְ: 'אִיךְ הָאבּ זִיכֶער אַנְטְדֶעקְט דִי פְלַאץ פוּן דִי ל"ו צַדִיקִים'. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: 'אִיךְ וֶועל שׁוֹין דָא בְּלַייבְּן דַאוֶוענֶען מַעֲרִיב'. צְווִישְׁן מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב הָאט מֶען פָארְגֶעלֶערְנְט לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, הָאט עֶר דֶעמָאלְטְס גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הֶערְט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: **פֹּה אֵשֵׁב כִּי אִוִּתִיהָ** (תְּהִלִּים קלב, יד); אִיךְ בְּלַייבּ שׁוֹין דָא!

אוּן אַזוֹי זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן אָן אַ שִׁיעוּר מְקוּרָבִים, וַוייל בַּיי אוּנְזֶערֶע לַייט וַוארְפְט מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אַרוֹיס קַיין מֶענְטְשְׁן וָואס קוּמֶען אַרַיין, סְפֶּעצִיעֶל אַז עֶס קוּמֶען שְׁכֵנִים, אוּן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַזֶעלְכֶע דִיבּוּרִים וָואס מֶען הֶערְט אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט, זֶענֶען זֵיי מְקוּרָב גֶעוָוארְן.

אִין אוּמַאן פְלֶעגְט מֶען זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶוענֶען וָותִיקִין, אוּן נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען הָאט מֶען פַארְשְׁפַארְט דִי שׁוּל, זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אוֹיךְ גֶעוָואלְט מַאכְן אַ מִנְיָן אַכְט אַזֵייגֶער, אוּן מֶען הָאט דָאס נִישְׁט

<<<<<<

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### אָן קַיין גֶעפִיל

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ט) אַז אַ אִיד דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי וֶוען עֶר הָאט אַ גֶעפִיל דֶערִין, אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעפִיל, אֲפִילוּ וֶוען עֶר קֶען נָאר רֶעדְן קַאלְטֶערְהֵייט. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ אָן אַ גֶעפִיל, וֶועט זִיךְ סוֹף כָּל סוֹף עֶפֶענֶען זַיין הַארְץ אוּן עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן וֶועט עֶר אוֹטָאמַאטִישׁ אוֹיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן אַלֶע תְּפִלּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אָן קַיין גֶעפִיל.

דֶער רֶבִּי טַייטְשְׁט מִיט דֶעם דֶער פָּסוּק אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (דְּבָרִים ג, כג) "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה' בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר", טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי, "וָאֶתְחַנַּן אֶל ה'" - אַ אִיד זָאל שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, סַיי עֶר הָאט אַ גֶעפִיל אוּן סַיי וֶוען עֶר הָאט נִישְׁט. וַוייל "בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר" - עֶס וֶועט קוּמֶען אַ צַייט וֶוען עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען אַ גֶעפִיל אוּן דִי וֶוערְטֶער וֶועלְן זִיךְ זָאגְן פוּן זַיין מוֹיל וִוי גֶעשְׁמִירְט, אוּן דַאן וֶועט עֶר אַלֶעס פַארֶערְכְטְן.

דָאס אִיז נִישְׁט נָאר בַּיים רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶערְנֶען תּוֹרָה, אָדֶער בַּיים טוּן מִצְוֹת. אַ אִיד דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אֲפִילוּ וֶוען עֶר טוּט דָאס נָאר קַאלְטֶערְהֵייט אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן אָן קַיין פַארְשְׁטַאנְד, אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּמִצְוֹת זֶעעֶן אוֹיס הַאלְבּ-גֶעבַּאקְן, עֶס הָאט נִישְׁט קַיין טַעַם אוּן קַיין גֶעשְׁמַאק, וַוייל בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב יֶעדֶע קְלֵיינֶע זַאךְ וָואס אַ אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן פַאר אִים.

וֶוען אַ אִיד דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן קַיין גֶעפִיל, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין גֶעשְׁמַאק אִין זַיין לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין דִי מִצְוֹת וָואס עֶר אִיז מְקַיֵּים, אִיז דָאס נָאךְ אַסַאךְ מֶער חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל עֶס קוּמְט אִים אָן אַסַאךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אִיז חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זָאגְט, (שַׁעַר יִשָּׂשׁכָר חוֹדֶשׁ אָב, מַאֲמָר יוֹם תָּבֹר מַגָּל, אוֹת ב), אַ טַעַם פַארְוָואס מֶען הוֹיבְּט אָן וִוינְטְשְׁן "כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה" פוּן חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, וַוייל חֲמִשָּׁ"ה עָשָׂ"ר בְּאָ"ב בַּאטְרֶעפְט אַזוֹי וִוי כְּתִיבָ"ה וַחֲתִימָ"ה טוֹבָ"ה, עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן דִי הֲכָנוֹת צוּם יוֹם הַדִּין.

מִיר גְרֵייטְן זִיךְ צוּ פָארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תו): "מָה אֹמַר לָכֶם" וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, "אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה" נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם, "הַיְינוּ לִהְיוֹת אֶצְלִי עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה" פוּן זַיין בַּיי אִים רֹאשׁ הַשָּׁנָה; קוּק נִישְׁט אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע הוֹצָאוֹת, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ זָארְג פַאר דִי שְׁפֶּעזְן פוּן דִי וֶועגְן".

גְרֵייט זִיךְ אָן מִיט תְּפִלָּה, מִיט בֶּענְקֶען, מִיט שִׂמְחָה – צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן; הַלְוַאי וֶועסְטוּ זַיין אִין אוּמַאן מִיט אוּנְזֶער חַבּוּרָה, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ וֶוען מֶען אִיז מִיט חֲבֵרִים וָואס אַלֶעס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, אָבֶער נִישְׁט דָאס זָאל זַיין יֶעצְט דִי אָפְּהַאלְט, קוּם אוֹיף אוּמַאן אֲפִילוּ דוּ וֶועסְט זַיין וואוּ דוּ וֶועסְט זַיין; אַבִּי קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת וָאֶתְחַנַּן תשפ"ד)

# בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## שַׁבַּת נַחֲמוּ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עש"ק פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן-נַחֲמוּ, חֲמִשָּׁה עָשָׂר בְּאָב, שְׁנַת תשע"ח לפ"ק

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

די וָואךְ שַׁבָּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער שַׁבָּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְיָהוּ מ, א): "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי", טְרֵייסְט דִיךְ טְרֵייסְט דִיךְ מַיין פָאלְק.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, מִיר זָאלְן זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַז מִיר זֶענֶען אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶועֶרֶע צָרָה, נִישְׁט סְתָם אַ צָרָה, נָאר גָאר אַ שְׁוֶועֶרֶע אִיבֶּערְגַאנְג; מֶען הָאט דִיר אוֹיסְגֶעשָׁאסְן אַלֶע פֶענְסְטֶערְס, פָארְבְּרֶענְט דַיין שְׁטוּבּ, פָארְלָאשְׁן אַלֶע לִיכְטִיגְקֵייטְן, דִיר פַארְטְרִיבְּן אִין גָלוּת און עֶס זֶעט אוֹיס וִוי אַלֶעס אִיז פַארְטִיג, קוּמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער און זָאגְט: "נַחֲמוּ נַחֲמוּ עַמִּי" - טְרֵייסְט דִיךְ, אִיךְ בִּין מִיט דִיר, אִיךְ וֶועל דִיר נִישְׁט אָפְּלָאזְן! דָאס דַארְף זַיין אוּנְזֶער גְרֶעסְטֶע שִׂמְחָה, אַז מִיר הָאבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז מִיט אוּנְז און טְרֵייסְט אוּנְז.

דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דֶעם שַׁבָּת; מִיר דַארְפְן טַאנְצְן אַ גַאנְץ שַׁבָּת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טְרֵייסְט אוּנְז. דֶער עִיקָר טְרֵייסְט אִיז אַז מִיר הָאבְּן שֵׂכֶל, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין צב.): "כָּל אָדָם שֶׁיֵּשׁ בּוֹ דֵּעָה כְּאִילּוּ נִבְנָה בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בְּיָמָיו", וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל אִיז בַּיי אִים אַזוֹי וִוי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שְׁטֵייט; וָואס אִיז שֵׂכֶל? וָואס אִיז דַעַת? אַז דֶער מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן און עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער - דָאס אִיז דַעַת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (דְּבָרִים ד, לה): "אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי ה' הוּא הָאֱלֹקִים, אֵין עוֹד מִלְּבַדּוֹ".

וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיט אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועזְן צוּ וִויסְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און מְקוֹרָב וֶוערְן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים וָואו מֶען לֶערְנְט מִיט אוּנְז אֱמוּנָה; מוֹהֲרָא"שׁ לֵייגְט אַרַיין אִין אוּנְז מִיר זָאלְן 'לֶעבְּן' מִיט אֱמוּנָה, נִישְׁט נָאר וִויסְן פוּן אֱמוּנָה, נָאר לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, אָטֶעמְעֶן אֱמוּנָה; דֶער גַאנְצֶער לֶעבְּן אִיז אַן אַנְדֶערֶע סָארְט לֶעבְּן וֶוען מֶען לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לֶעבְּט עֶר אַ גוּט לֶעבְּן.

לָאז זִיךְ נִישְׁט אַרַיין כַאפְּן אִין דִי נֶעץ פוּנֶעם שָׂטָן וָואס זוּכְט נָאר וִוי עֶר קֶען אַרוֹפְּלֵייגְן אוֹיפְן מֶענְטְשׁ עַצְבוּת, עַשָׁרָה קַבִּין מָרָה שְׁחוֹרָה מִיט אַ לְבוּשׁ פוּן עֶרְלִיכְקֵייט; שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אַ גַאנְץ שַׁבָּת זָאלְסְטוּ טַאנְצְן מִיט דִי מִשְׁפָּחָה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכִיָּה וָואס מִיר הָאבְּן אַז מִיר הָאבְּן שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פָּרָשַׁת וָאֶתְחַנַּן תשע"ח)

מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט <<<<<<

שְׁוֶועֶרֶער דָאס צוּ טוּן וִוי פַאר אֵיינֶעם וָואס שְׁפִּירְט יָא אַ גֶעשְׁמַאק דֶערִין. און דֶערִיבֶּער אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ גְרוֹיסֶע נַחַת רוּחַ פוּן דֶעם. און וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זֶעט אַז דֶער אִיד שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן און דִינְט אִים וִויפִיל עֶר קֶען, וֶועט עֶר אִים זִיכֶער צוּם סוֹף הֶעלְפְן אַז עֶר זָאל יָא בַּאקוּמֶען דֶעם גוּטְן טַעַם און קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּשְׁלֵימוּת מִיט אַ חִיּוּת און גֶעשְׁמַאק.

חֲזַ"ל זָאגְן (מְגִילָּה ו:) "אִם יֹאמַר לְךָ אָדָם יָגַעְתִּי וּמָצָאתִי, תַּאֲמִין - אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט דִיר אַז עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט און עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן, דַאן זָאלְסְטוּ אִים גְלֵייבְּן". שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, אוֹיבּ הָאט יֶענֶער טַאקֶע מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן, דַארְף מֶען נִישְׁט בְּלוֹיז גְלֵייבְּן, מֶען קֶען דָאךְ זֶען מִיט דִי אוֹיגְן אַז עֶר הָאט מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן. גְלֵייבְּן דַארְף מֶען נָאר אַ זַאךְ וָואס מֶען קֶען נִישְׁט זֶען מִיט דִי אוֹיגְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַפֵּירוֹת הֲלָכָה ה') אַז וֶוען עֶס קוּמְט צוּ רוּחְנִיּוּת, וֶוען עֶס קוּמְט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָארְט דַארְף מֶען יָא גְלֵייבְּן, נִישְׁט אֵייבִּיג זֶעט מֶען מִיט דִי פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן דִי הַצְלָחָה, אַמָאל אִיז דָא אַ מֶענְטְשׁ וָואס פְּלָאגְט זִיךְ און מוּטְשֶׁעט זִיךְ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און עֶר זֶעט נִישְׁט אַז עֶר זָאל מַצְלִיחַ זַיין. דַארְף מֶען אָבֶּער גְלֵייבְּן אַז עֶר הָאט זִיכֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן, וַוייל דָאס אַלֵיין אַז עֶר פְּלָאגְט זִיךְ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז זַיין גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה. וֶוען אַ אִיד הָאט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה, וֵוייסְט עֶר אַז יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע הַצְלָחָה, אֲפִילוּ נָאר אַ גוּטֶע מַחְשָׁבָה, אֲפִילוּ עֶר הָאט נָאר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר ווִיל זַיין ווָאוִיל, וֶוערְט דָאס אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, יֶעדֶע זַאךְ וֶוערְט אַוֶועקְגֶעלֵייגְט, און אַזוֹי זַאמְלְט זִיךְ אָן אַסַאךְ גוּטֶע זַאכְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, און אוֹיבּ עֶר וֶועט הָאבְּן דִי סַבְלָנוּת און אוֹיסְוַוארְטְן, וֶועט עֶר צוּם סוֹף אוֹיךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען זַיין הַצְלָחָה מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן אָפֶּענֶערְהֵייט.

### מֶען לֵייגְט צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער"

אַ אִינְגֶערְמַאן אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּ הרה"ק רֶבִּי דָוִד מֹשֶׁה מִטְשׁוֹרְטְקוֹב זי"ע און זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז לֶעצְטְנְס הָאט זַיין שְׁוֶוער אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען, עֶר גֵייט מֶער נִישְׁט אִין שׁוּל און עֶר דַאוֶוענְט מֶער נִישְׁט. און אַזוֹי וִוי דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעווָאוּסְט אַז זַיין שְׁוֶוער גֵייט אַסַאךְ צוּ דֶעם צַדִּיק, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן דֶעם צַדִּיק אוֹיבּ עֶר קֶען רֶעדְן מִיט זַיין שְׁוֶוער, און זֶען אַז עֶר זָאל זִיךְ פַארֶעכְטְן און צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִּיק הָאט גֶעלָאזְט רוּפְן דֶעם שְׁוֶוער, און עֶר הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶס אִיז אֱמֶת וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ דַאוֶוענֶען. הָאט דֶער אִיד גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אֱמֶת, און דִי סִיבָּה דֶערְצוּ אִיז וַוייל עֶר הָאט בַּאמֶערְקְט אַז וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען קוּמֶען אִים אַרַיין אִין קָאפּ אַלֶע סָארְט שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען, און וִויפִיל עֶר הָאט פְּרוּבִּירְט זִיךְ אָפְּצוּשָׁאקְלֶען דֶערְפוּן אִיז עֶס אִים נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, עֶר קֶען נִישְׁט פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, און דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעקְלֶערְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ נִישְׁט צוּ דַאוֶוענֶען בִּכְלַל און פָּטוּר אַן עֵסֶק. אַנְשְׁטָאט צוּ הָאבְּן אַזַא צוּהַאקְטֶע און נַארִישֶׁע דַאוֶוענֶען מִיט יֶענְץ פָּנִים, וֶועט עֶר עֶנְדֶערְשׁ אָפְּלָאזְן דֶעם גַאנְצְן דַאוֶוענֶען.

דֶער צַדִּיק הָאט אִים אוֹיסְגֶעהֶערְט און דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אִים אוֹיפְגֶעקְלֶערְט אַז עֶר טוּט נִישְׁט רִיכְטִיג "אוֹיבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט דַאוֶוענֶען וֶועט זִיכֶער גָארְנִישְׁט בְּלַייבְּן פוּן דַיין גַאנְצֶע אִידִישְׁקֵייט, אוֹיבּ אָבֶּער דוּ וֶועסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס זֶעט אוֹיס, וֶועלְן אָבֶּער מִיט דִי צַייט זִיךְ צַאמְקוּמֶען דִי אַלֶע יְגִיעוֹת וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעפְּלָאגְט צוּ דַאוֶוענֶען, און דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אַז דַיין דַאוֶוענֶען וֶועט יָא הָאבְּן אַ שֵׁיינֶעם פָּנִים".

און עֶר הָאט דָאס אִים שֵׁיין אַרַיין גֶעטַייטְשְׁט אִין פָּסוּק. דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פז, ו) "ה' יִסְפֹּר בִּכְתוֹב עַמִּים", הָאט דֶער צַדִּיק גֶעטַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט אוֹיף דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דִי פֶעלְקֶער שְׁרַייבְּן". וֶוען דִי אִידְן שְׁרַייבְּן נוּמֶערְן שְׁרַייבְּט מֶען "אֵיינְס", "צֶען" "הוּנְדֶערְט" א.א.וו. און דִי זֶעלְבֶּע אוֹיף לָשׁוֹן הַקּוֹדֶשׁ, שְׁרַייבְּט מֶען אוֹיךְ דִי נוּמֶערְן מִיט וֶוערְטֶער, "אֶחָד", "עֲשָׂרָה", "מֵאָה" א.א.וו. ווִידֶער בַּיי דִי גוֹיִם הָאבְּן זֵיי דִי נוּמֶערְן וָואס זֵיי שְׁרַייבְּן צ.ב.ש. "1", "10", "100". און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צֵיילְט דִי נוּמֶערְן לוֹיט וִוי דִי גוֹיִם צֵיילְן עֶס.

און דֶער צַדִּיק הָאט אִים מַסְבִּיר גֶעוֶועזְן: וֶוען דוּ דַאוֶוענְסְט אַזַא צוּהַאקְטֶע דַאוֶוענֶען, וִויפִיל דוּ פְּרוּבִּירְסְט זִיךְ אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען צוּ דַאוֶוענֶען וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, גֵייט עֶס נִישְׁט. דוּ פִילְסְט מַמָּשׁ אַז דִי גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", עֶס אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט וֶוערְד. אָבֶּער אַ "זִירָאוֹ" אִיז דָאךְ עֶס יָא. און אַזוֹי קְלוֹיבְּט זִיךְ צוּזַאם אַסַאךְ "זִירָאוֹ'ס" בִּיז עֶס קוּמְט אֵיין טָאג און דָאס הַארְץ וֶועקְט זִיךְ אוֹיף און מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן לֵייגְט מֶען צוּ נָאר אֵיין "אֵיינְסֶער", מֶען לֵייגְט צוּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס אִיז דֶער אֶחָד יָחִיד וּמְיוּחָד, און וֶוען מֶען לֵייגְט צוּ אַן "אֵיינְסֶער" צוּ זֶעקְס "זִירָאוֹ'ס" הָאסְטוּ שׁוֹין אַ מִילְיָאן! און וִוי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, יֶעדֶעס מָאל וָואס מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן צוּ טוּן אַ גוּטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ וֶוען עֶס נִישְׁט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז נָאר אַ "זִירָאוֹ", אוֹיבּ אִיז אָבֶּער דֶער "אֵיינְסֶער" אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט, אוֹיבּ הָאט מֶען דֶעם אֵיינְצִיגְן בַּאשֶׁעפֶער מִיט זִיךְ, דַאן וִוי מֶער "זִירָאוֹ'ס" מֶען לֵייגְט צוּ, אַלְץ גְרֶעסֶער וֶוערְן דִי נוּמֶערְן.

מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער צַדִּיק זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶועזְן, אַז אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין טַעַם אִין אִידִישְׁקֵייט, זָאל עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ טוּן וָואס און וִוי אַזוֹי עֶר קֶען נָאר, און סוֹף כָּל סוֹף וֶועט עֶר זִיכֶער מַצְלִיחַ זַיין.

ווָאוִיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן און נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, און עֶר פְּלָאגְט זִיךְ צוּ לֶערְנֶען און דַאוֶוענֶען אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט דֶעם גֶעשְׁמַאק, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶער נַחַת רוּחַ פוּן אִים, און עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ יְגִיעוֹת)

אמאל איז געווען שווער צו בעטן פון די ארץ ישראל'דיגע אידן זיי זאלן זיך צושטעלן און אריינברענגען געלט פאר די אמעריקאנער מוסדות, אבער היינט - האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט - איז שוין דא מוסדות אין אלע עקן פון ארץ ישראל, און מען בעט אז מען זאל זיך אליינס שטיצן.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער צו א הערליכע שיעור ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט אלעמען מחזק געווען מען זאל זען צו נעמען און פאלגן די עצות פון הייליגן רבין, מעביר סדרה זיין, זען עס זאל זיין שלום און שטוב, און אזוי ווייטער. די פולע דרשה וועט בעז"ה זיין געדרוקט די וואך אינעם עליכן קונטרס "אשית עצות בנפשי" וואס ווערט ארויסגעגעבן דורך הרב יואל לעווי שליט"א פון בני ברק.

דער ראשי ישיבה שליט"א האט דערנאך געבעטן מען זאל אויסטיילן די מתנות וואס ער האט געשיקט פאר אלע וואס האבן זיך באטייליגט פאריאר מיט שיינע סכומים, א משניות ארייגעשריבן א שיינע בריוו פון ראש ישיבה שליט"א.

דער עולם איז זיך צוגאנגען מיטווארימע הערצער און מיט א קבלה כאיש אחד בלב אחד ווייטער צו שטיין צו די האנט פון ראש ישיבה מיט אלעם וואס מעגליך.

***

## מען הייבט שוין פארקויפן זיצן אין בית המדרש היכל הקודש אומאן

יעצט חודש אב, קנאפע צוויי חדשים איידער מיר וועלן זוכה זיין נאך די אלע תפילות אנצוקומען צום הייליגן רבינ'ס ציון אין אומאן, קומט אריין די מעלדונג אז מען האט שוין אנגעהויבן צו פארקויפן זיצן אין גרויסן בית המדרש היכל הקודש אין אומאן, ווי מען וועט קענען מיטהאלטן די געהויבענע תפילות ביים ראש הישיבה שליט"א ווי ער גיסט זיך אויס דאס הארץ אלץ שליח ציבור און איז אלעמען מעורר צו תשובה.

אזוי ווי עס איז דא א גרויסע מאנגל אין זיצן, ווערט מען געבעטן זיך צו מעלדן וואס פריער, ווייל כדי צו אנהאלטן די חזקה זיצן פון פאריאר וועט מען דארפן אויסצאלן דעם זיץ ביז ראש חודש אלול הבעל"ט און נאכדעם וועט מען עס עפענען פאר כל הקהל הקודש, וואס צוליב דעם גרויסן פארלאנג וועט מען מוזן אננעמען דעם כלל פון "כל הקודם זוכה".

מען וועט קענען באצאלן פאר די זיץ יעדע נאכט אין שטעטל ביי מנחה מעריב אין בית המדרש "ליקוטי מוהר"ן" וואס געפונט זיך אויף 33 טשעסטנאט סטריט אין די ווילידזש. מען דאווענט דארט יעדע נאכט מנחה פופצן מינוט פארן זמן מעריב פון רבינו תם, און דערנאך דאווענט מען מעריב.

***

## מען גרייט שוין אן דאס פלאץ פאר'ן גרויסן שאטער "אהל הרחבת הדעת" אין אומאן

עס קומען אריין פרישע אפדעיטס פון אומאן, צוערשט דארף מען באגריסן דער נייער חבר ההנהלה פון די אומאן קאמיטע, דער ראש ישיבה שליט"א האט ארייגעלייגט דעם באליבטן מלמד מומחה הר"ר ישעי' איידליס שליט"א ער זאל צושטיין צו די האנט פון די אנדערע חברי הנהלה וועלכע געבן זיך אוועק איבער די כוחות, און מיט'ן אויבערשטענ'ס הילף וועט הר"ר ישעי' שליט"א קענען צוגעבן זיינע טאלאנטן און צוהעלפן צו די פילע פלענער וואס דער ראש ישיבה שליט"א פלאנט צו מאכן אין אומאן.

ווי שוין געמאלדן, וועט מען בויען א שאטער "אהל הרחבת הדעת" נעבן דעם בנין, יעצט קומט אריין אז מען האלט שוין ב"ה אינמיטן אויספלאסטערן די ערד ווי דער גרויסער טענט וועט ווערן אהערגעשטעלט. דער טענט וועט ווערן פלאצירט ממש הארט נעבן דעם יעצטיגן בנין צו לינקס, דארט ווי דער טרעילאר איז געווען ביז יעצט.

דער ריזיגער שאטער וועט ווערן געבויט אויף א פערמענאנטע וועג אז מען זאל עס קענען האלטן אויף די קומענדיגע יארן, מען מאכט א געהעריגע שטארקע פלאר פון אייזן און צעמענט, און דערויף וועט מען לייגן פעסטע אייזענע פרעימס וואס וועלן ווערן אינסטאלירט אויף א גאר דויערהאפטיגן אופן, (אזוי ווי שיינער), און יעדעס יאר נאך ראש השנה וועלן נאר די וויניל ווענט און דאך ווערן אראפ גענומען, צוליב וואס דאס קען זיך נישט האלטן פון יאר צו יאר אין די רעגנס און שנייען פון אוקריינע.

ווי שוין באריכטעט, זענען די הוצאות פונעם טענט געספאנסערט געווארן דרוך וואויל באקאנטן "רענט קאמפיין" וואס האט זיך אונטער גענומען דעם גרויסן הוצאה כדי צו געבן הרחבת הדעת פאר'ן ראש ישיבה און פאר אנשי שלומינו, וויילענדיגן אין אומאן אויף ראש השנה.

דער טענט וואס וועט טראגן דעם נאמען "אהל הרחבת הדעת" וועט זיין ריזיג גרויס, די זעלבע מאס ווי דער היכל הבית המדרש, וואס וועט אויפטון זייער אסאך זאכן. דער בית המדרש בלייבט בית המדרש, און בשעת'ן דאווענען גרייט מען אן די סעודות, און נאכן עסן דארף מען בלויז אויפרוימען, און די אויסשטעלן אינעם טענט בלייבט ווי א סעודה, און דער בית המדרש וועט מען קענען נוצן במשך די גאנצע צייט אין אומאן צו לערנען און דאווענען מיט הרחבת הדעת.

אין די וואכן טעג וועט די טענט גענוצט ווערן פאר פילע זאכן אין די זעלבע צייט, עס וועלן קענען פארקומען עטליכע מנינים שחרית מנחה אדער מעריב, און אויף די אנדערע זייט וועט מען קענען עסן פרישטאג מיטאג אדער נאכטמאל, אזוי אויך וועט די חדר נוצן דעם טענט במשך דעם טאג פאר די קינדער.

אנשי שלומינו זענען שטארק דאנקבאר פאר די געטרייע עסקנים וואס געבן זיך אוועק בלב ונפש פאר'ן הייליגן צוועק צו העלפן אנשי שלומינו ווילן ביים הייליגן רבי'ן אין אומאן.

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וֶועט טֶערְקֵיי אַיינְנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ מוּז בַּאקוּמֶען הִילְף, אִיךְ בִּין אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקֶן, אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט טוּן פוּן פַּחַד. הַיינְט אִינְדֶערְפְרִי הָאט מַיין מַאמֶע מִיר גֶעזָאגְט אַז טֶערְקֵיי פְּלַאנְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אַיינְנֶעמֶען אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַזוֹי דֶערְשְׁרָאקֶן, אִיךְ פִּיל זִיךְ וִוי אִין אַ חָלוֹם, אַ שְׁרֶעקֶעדִיגֶע בַּייסִיגֶע חָלוֹם, הַיינְטִיגֶע צַייטְן צוּ הֶערְן אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקֶעדִיגֶע זַאכְן, אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט נֶעמֶען, אִיךְ ווִיל אַנְטְלוֹיפְן צוּ אִיךְ-וֵוייס-נִישְׁט-וואוּ, דָא הָאבּ אִיךְ מוֹרָא צוּ בְּלַייבְּן.

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט צוּ וֶועמֶען צוּ גֵיין, אִיךְ קוּם בֶּעטְן אַן עֵצָה אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען אָנְגֵיין, אִיךְ פִּיל וִוי עֶס גֵייט זִיךְ אִיבֶּערְדְרַייסְן, אִיךְ קֶען שׁוֹין נִישְׁט נֶעמֶען מֶער דִי מַצָּב.

אִיךְ צִיטֶער, אִיךְ הָאבּ מוֹרָא, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מוּז מִיר הֶעלְפְן.

**יְיַשֶׁר כֹּחַ**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי,

כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ד

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

טֶערְקֵיי אִיז יִשְׁמָעֵאל, אוּן יִשְׁמָעֵאל אִיז תְּפִלָּה, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית טז, יא): "וְקָרָאת שְׁמוֹ יִשְׁמָעֵאל כִּי שָׁמַע ה'" וְגוֹ', זָאלְסְט רוּפְן דֶעם קִינְד מִיטְן נָאמֶען 'יִשְׁמָעֵאל', וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט דַיין קוֹל; אוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז אֱמוּנָה, אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קנה): "אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הוּא בְּחִינַת אֱמוּנָה", אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים לז, ג): "שְׁכָן אֶרֶץ וּרְעֵה אֱמוּנָה", אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (כְּתוּבוֹת קי:): "כָּל הַדָּר בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דוֹמֶה כְּמִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ אֱלוֹקַ"; דָאס אִיז דִי נֵייעֶס, יִשְׁמָעֵאל נֶעמְט אֵיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; מִיט תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה, אוּן מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט אַיינְנֶעמֶען דִי וֶועלְט מִיט דִי חֶרֶב הַתְּפִלָּה.

זִינְגְט לֶעבֶּעדִיגֶע אוּן פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים – וֶועט אִיר אוֹיפְהֶערְן מוֹרָא צוּ הָאבְּן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת פַּחַד, סִימָן יא): "מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ פְּחָדִים, יְזַמֵּר זֶמֶר שֶׁל שִׂמְחָה", וֶוער עֶס הָאט שְׁרֶעק – זָאל זִינְגֶען פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן**

**אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת דְּבָרִים תשפ"ד)

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

צוּגֶעלָאזְט, אָבֶער רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ גֶע׳עַקְשְׁנְ׳ט, אַז מֶען זָאל דָאס בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט שְׁטֶערְן, נָאכְדֶעם הָאט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְצֵייגְט זַיין אֱמֶת׳ן אוּן הֵיילִיגְן קוּק, וַוייל דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אַריין גֶעקוּמֶען דַאוָּוענֶען מִיט דִי שְׁפֶּעטֶערֶע מִנְיָן פוּן אַכְט אַזֵייגֶער, זֶענֶען צוּם סוֹף גֶעוָוארְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן מְקָרֵב זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין יֶעדְן אִיד, אוּן טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי יֶעדְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן ח): כָאטְשִׁיג עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זָאגְן מוּסָר פַאר אַ אַ צְוֵוייטְן, דָאךְ אִיז נִישְׁט יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעמַאכְט פַאר דֶעם, וַוייל מוּסָר קֶען מֶען נָאר זָאגְן אַזוֹי וִוי משֶׁה רַבֵּינוּ הָאט דָאס גֶעזָאגְט, וָואס מִיר גֶעפוּנֶען אַז גְלַייךְ נָאכְדֶעם וָואס דִי אִידְן זֶענֶען נֶעבֶעךְ בִּיטֶער דוּרְכְגֶעפַאלְן מִיטְ׳ן מַאכְן דֶעם עֵגֶל רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן משֶׁה רַבֵּינוּ אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען מִיט דִי לוּחוֹת דָאס צוּ גֶעבְן פַאר דִי אִידְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וָואס דִי אִידְן הָאבְן נֶעבֶעךְ אָנְגֶעמַאכְט, וָואלְט עֶר דָאךְ גֶעדַארְפְט גְלַייךְ מַאכְן אַ גֶעוַואלְד אוּן פַארְפִירְן: וָואס הָאט אִיר דָא גֶעטוּן?! בִּיז דֶערְוַוייל הָאט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעזָאגְט: דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט אוּנְז נָאךְ אַלְץ לִיבּ! אוּן אַזוֹי אַרוּם הָאט יֶעדֶער גְלַייךְ תְּשׁוּבָה גֶעטוּן (שַׁבָּת פט). וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע זַאךְ אִיז צוּ טְרֶעפְן דִי גוּטְס בַּיי אַ מֶענְטְשׁ, אוּן נִישְׁט טְרֶעפְן נָאר דִי עֲבֵירוֹת.

קוּנְטְרֵס קְלַאפּ זִיךְ נִישְׁט

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## הערליכע מסיבה פארגעקומען אין ארץ ישראל אין בעפארברייטונג צום "אנשי חיל" קאמפיין

אנשי שלומינו איבער די וועלט גרייטן זיך מיט גרויס עקסטאז צום יערליכע "אנשי חיל" קאמפיין, וואס צילט ארויסצוהעלפן דעם ראש ישיבה שליט"א צו קענען אנהאלטן און ווייטער בויען די הייליגע קהילה און מוסדות התורה והחסד פון "היכל הקודש", וואס פארמאגט היינט אונטער זיך מוסדות און קהילות אין פילע לענדער און שטעט איבער די וועלט, וואס זענען דינען ווי לייכט טורעמס פאר אידן פון אלע שיכטן און קרייזן וואס דערווארעמען זיך צום הייליגן פייער פון הייליגן רבי'ן, וואס ווערט ווייטער איבערגעגעבן דורכ'ן ראש ישיבה שליט"א, אויף יעדן מעגליך וועג.

דער ראש ישיבה שליט"א איז זיך מוסר נפש צו פירן און באגלייטן די הייליגע ברסלב'ע קהילה, וואס מוהרא"ש זי"ע האט איבערגעלאזט נאך זיין פטירה, און במשך די יארן איז זיך עס צוואוואקסן קע"ה א ריזיגע אימפעריע פון תורה עבודה און גמילת חסדים, מיט א דגוש איבערצוגעבן פאר די תלמידים די ריינע אמונה און געבן א וועג וויאזוי מען קען מצליח זיין ברוחניות ובגשמיות אפילו ווען מיר געפונען זיך אינעם יעצטיגן שווערן דור.

דער ראש ישיבה שליט"א האט אייגעפירט אז דער היי יעריגער קאמפיין זאל לויפן אויף עקסטערע טיעמס, ווי יעדע טיעם וועט האבן באזונדערע עסקנים וואס וועלן באגלייטן אלע חברים מען זאל קענען בסעייתא דשמיא אויפרטייבן שיינע סכומים.

אזוי ווי איבעראל איז אין ארץ ישראל אויך געווען גרויסע הכנות צום קאמפיין, שוין עטליכע וואכן וואס עס קומען פאר מיטינגען צווישן די גבאים פון אלע שטעט פון די שולן און די מוסדות התורה והחסד צו קענען אריינעמען אלעמען אינעם קאמפיין מיט הצלחה. מען האט באשטימט אז מאנטאג מטות מסעי וועלן זיך אנשי שלומינו צוזאם קומען אויף אן אסיפה ווי מען וועט אנווארימען דעם ציבור צו ווערן גבאי צדקה.

עס איז געווען א ריכטיגער היסטארישער מאמענט ווען עס איז פארגעקומען צום ערשטן מאל אין היסטאריע וואס אלע אנשי שלומינו פון איבער גאנץ ארץ ישראל זענען זיך צוזאם געקומען אויף איין פלאץ, דער ראש ישיבה שליט"א האט געשיקט צוויי שלוחים צום מסיבה די צוויי פיש ברידער מו"ה אהרן הי"ו און מו"ה יעקב הי"ו וועלכע זאלן פערזענליך איבערגעבן פאר אנשי שלומינו ארץ ישראל די ווערטער פון ראש ישיבה שליט"א.

צום ערשט האט אויפגעטרעטן מו"ה אהרן פיש הי"ו וועלכע פירט שוין אן דעם "אנשי חיל" קאמפיין פאר אלע יארן צום גוטן, וועלכע האט מיט זיין לשון לימודים אנגעווארעמט דעם ציבור, צווישן אנדערע האט ער געזאגט אז ער האט שוין געהאט די זכי' איבערצוגעבן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א דורך די קאמפיינס שווערע מיליאנען דאלארן במשך די יארן, וואס דער ראש ישיבה שליט"א נוצט דאס געלט במשך די יאר לפי ראות עיניו, צו קענען בויען און אנהאלטן די הייליגע מוסדות אין קהילה.

דערנאך האט מען געהערט עטליכע ווערטער פונעם מנהל המוסודת פון ארץ ישראל מו"ה יצחק פאפענהיים הי"ו וואס איז זיך מוסר נפש פאר די מוסדות אין ארץ ישראל, און פארט ארום כסדר זיך אומקוקן פערזענליך אין אלע שטעט, ער האט פארציילט ווי ער האלט מיט ווי דער ראש ישיבה שליט"א געבט זיך אוועק בלב ונפש פאר די הייליגע מוסדות, דער ראש ישיבה שליט"א האלט מיט און אינטערעסירט זיך אין יעדן קינד, און שיקט יעדן חודש ריזיגע געלטער צו קענען אויפהאלטן די חדרים, מיידל שולעס און ישיבה, און בזכות די מוסדות האט די קהילה אויך גאר א שטארקע חיזוק בסייעתא דשמיא.

דערנאך האבן אלע אנשי שלומינו זיך אוועקגעזעצט אונטערשרייבן שטרות, ווי מען האט אריינגעשריבן וויפיל געלט מ'נעמט זיך אונטער אריינברענגען ביים בעפארשטייענדן קאמפיין, וואס מו"ה אהרן הי"ו טראגט עס צום ראש ישיבה שליט"א אונטערצושרייבן, און וועט דערנאך צוריק געשיקט ווערן קיין ארץ ישראל.

דער ציבור הנאספים האט זיך זייער ווארעם אנגערופן, און עס איז אריינגעקומען הבטחות פון איבער א האלב מיליאן שקל, וואס די חברים אין ארץ ישראל האפן בסייעתא דשמיא איבער צו געבן פאר ראש ישיבה.

דערנאך האבן אנשי שלומינו געהאט די זכיה מיטצוהאלטן א לייוו הוקאפ שיעור פון ראש ישיבה שליט"א וואס ער האט געגעבן ספעציעל פאר די בני ארץ ישראל. דער ראש ישיבה שליט"א האט צוערשט געזאגט אז

## סימן טוב ומזל טוב

החתן **אשר ראנד** הי"ו ירושלים
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג בת
מו"ה **צבי אהרן ניימאן** הי"ו ירושלים

***

מו"ה **נחמיה פאקשער** הי"ו לאנדאן
צום געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יוסף סאמעט** הי"ו בית שמש
צום געבורט פון א אינגל
און א אייניקל למזל טוב

***

מו"ה **אברהם פוקס** הי"ו בית שמש
צום געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אליהו ציג** הי"ו וויליאמסבורג
צום געבורט פון א אינגל למזל טוב


## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז "אלע וואס וועלן לערנען און ענדיגן יעדן טאג גאנץ מסכת תענית; פערציג מאל, פון ט"ו באב ביז ראש השנה, זאג איך צו, זיי וועלן טרעפן זייער שידוך".**

קול ברסלב

**212-444-9191,1,2,8,5,3,6**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**